LIVING TORAH

# פרשת בשלח

## חלק משיחת יו״ד שבט, ה׳תשל״ב

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

און דא גיט מען א וואונדערליכע הוראה: אז מיר זאלן וויסן זיין אז אט-די וועלט אין וועלכע ער האט געלעבט – און ער האט איבערגעגעבן די הוראה אויף ימים ושנים שלאחרי-זה – זאל מען וויסן זיין אז דאס איז א וועלט וואס זי איז א ״גן״. ניט סתם א שדה עושה תבואה, נאר דאס איז א גן עושה פירות, און דאס איז ניט א גן פון אבי־פון־וועמען – במילא איז דאך דאס לפי ערך פון בעל הפרדס והגן, איז פאר עם גענוג אז די פירות האבן אט-די-און-די חשיבות וואס זיי האבן,

זאגט מען גלייך מלכתחילה, אז אין פסוק זאגט ער אז דאס איז ״גני״ – דאס איז אזא-מין וועלט וואס דער אויבערשטער זאגט אז דאס איז א פרדס וואס דאס איז פרדס שלו, ביז וואנענט אז דאס איז ניט א פרדס וואס קומט בדרך ארעי, נאר דאס ווערט ״גנוני״, וואס עיקר שכינה איז געוועזן דוקא אין אט-דער וועלט.

וואס דעמולט, צי מ׳פארשטייט ווי דאס איז, צי מ׳פארשטייט ניט, וויבאלד אבער אז תורת אמת זאגט אזוי, און דאס איז איבערגעגעבן געווארן אין דער הוראה פון יום ההסתלקות ויום ההילולא, אז דא רעדט זיך וועגן א וועלט – וואס ניט קוקנדיק וואס זען בעיני בשר – איז דאס א ענין של גן, און ניט א גן וואס איז בערך למישהו, נאר דאס איז ״גני״ פון דעם אויבערשטן, און ביי דעם אויבערשטן איז דאך אויך דא א שינוי ווי דער אויבערשטער געפינט זיך במקום זה אדער במקום אחר.

אף-על-פי אז ״את השמים ואת הארץ אני מלא[1]״ – בשוה, איז דאך אבער אין דערויף גופא אויך דא שינויים, על-דרך ווי די משנה רעכנט אויס אז ״עשר קדושות הן[2]״; אז ס׳איז דא ווי דער אויבערשטער ווערט נתגלה אין קדש הקדשים, ביז ווי ער ווערט נתגלה אין די קדושה הכי תחתונה, ביז ווי ער ווערט נתגלה אין חוץ-לארץ.

איז אט דא זאגט ער אז דער צד השוה שבכל אלו: אז אפילו אין דער דרגא הכי תחתונה איז דאס א ענין וואס דאס איז גנו של הקדוש-ברוך-הוא, און אין א אופן וואס דאס ווערט ״גנוני״, אז עיקר דירתו ווערט דוקא אין אט-דעם פרדס און אין אט-דעם גן.

און אט-דעמאלט, אפילו אז ער פארשטייט ניט, ער ווייס דאך אבער אז תורת אמת האט אים אזוי

---

1) ירמי׳ כג, כד.

2) כלים א׳, ו.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בשלח

געזאגט, איז דאך דאס זיכער אז דער אמת איז אזוי, איז אט דעמאלט קוקט ער אויף דער וועלט אנדערש, און אז ער קוקט אנדערש, דערזעט ער אט-דאס וואס בעיני בשר בשטחיות – אויף דעם ערשטן קוק – באמערקט מען ניט. ער ווייס אבער וואס ער דארף זוכן, און זוכן זוכט ער אין דער ריכטונג אויף אויסצוגעפינען וואו ס׳געפינט זיך אונטער דער קליפה – אונטער דער אויסוויייניגסטע שאלעכץ – די פירות פון אט-דעם גן,

איז בשעת ער זוכט אין אט-דער און דער ריכטונג, איז צום אלעם ערשטן איז ער זיכער אז ער וועט דאס זיכער געפינען, ווארום תורת אמת זאגט עם אז דאס איז דא, און וויסנדיק אז ער וועט זיכער געפינען א אוצר יקר מכל יקר, פירות וואס דער אויבערשטער איז אויף זיי מעיד אז דאס איז פירות פון זיין פרדס אין וועלכן ער געפינט זיך – אין א ״עיקר שכינה בתחתונים היתה״[3].

איז לפי ערך פון דעם יוקר הפירות, וועט אים ניט אפשרעקן און ניט אפשטעלן קיין השתדלות און קיין יגיעה, און ער וועט זיך ניט לאזן אפציען, אפרעדן, און פארנעמען זיך מיט זייטיקע זאכן, וויסנדיק אז אויף אים ווארט אן אוצר יקר מכל יקר, מגלה זיין אין דער וועלט, אז דאס איז ״גנו של הקדוש-ברוך-הוא״, און של הקדוש-ברוך-הוא אין א אופן פון ״עיקר שכינה״.

וואס אט-דאס איז – לפי הסברה זו – די הוראה פון יום ההילולא ויום ההסתלקות, אויף מיטצונעמען דאס על כל השנים כולם, און מיום זה על כל השנה, ביז צו עשירי בשבט הבא עלינו ועל כל ישראל לטובה –

אז מ׳זאל וויסן זיין אז מ׳געפינט זיך אין א **טייערע וועלט**, נאר דער יצר הרע איז זיך משתדל בכל האופנים אויף צודעקן די טייערקייט וואס געפינט זיך אין וועלט, כדי מ׳זאל זיך מייאש זיין – חס ושלום – אדער על-כל-פנים טאן מער ניט פון יוצא וועגן וכולי, און אט-דעמאלט דערמאנט ער זיך אז דאס איז ״אומנתו״, אויף דערויף איז ער באשאפן געווארן, אויף צודעקן אויף׳ן אמת, איז דאך קיין וואונדער ניט אז ער געפינט כמה-ערליי פיתויים והסתות וכולי.

און מ׳גייט לבטח דרכו – דרך מלכו של עולם זה הקדוש-ברוך-הוא, וואס ער האט דאס מגלה געווען על-ידי עבדיו – ״מאן מלכי רבנן״[4], ובכל דור ודור על ידי נשיא שלו, ובדורנו דעם נשיא דעם בעל ההילולא. און מען גייט אין אן אופן פון ״לבטח״, וויסנדיק א זיכערע זאך, אז מ׳וועט צוקומען און געפינען די פירות טובות פון דעם גן, פון דעם ״גנוני״.

— • —

3) מדרש-רבה על הפסוק ״באתי לגני״ (שיר-השירים ה׳, א׳), מאמרי באתי לגני.

4) ראה גיטין סב, סע״א. וראה תורה-אור וישב כז, ב.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.